## דאָס בוך פאַרן יידיש-לימוד אין „בית יעקב" איז „יידיש לָשון"!


# בית יעקב

ליטעראַרישער נאַציאָנאַל-זשורנאַל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילן

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

יאָרגאַנג 9 — נומער 93

ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע. — אלול תרצ"ב



לערערנס!

לויטן באַשלוס פון די צענט-ראַלע אָרגאַנען פון דער בית-יעקב-באַוועגונג, מוז צום נייַען לערן-יאָר אין יעדער בית-יעקב-שול געלערנט ווערן יידיש פונים בוך

„יידיש לָשון"

צונויפגעשטעלט דורך

א. ג. פרידנזאָן,

נ. בערלינער און

א. שינדלער.


# צום נייַען שול-יאָר

אין אַ שווערער צייַט באַגעגענען מיר הייַנט דעם אָנהייב פון נייַען שול-יאָר. דער דַחקותדיקער עקאָנאָמישער מַצב פון יידן, וואָס שפּירט זיך אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן, סייַ פון יָחיד סייַ פון כְּלַל, שלאָגט זיך שטאַרק אָפּ אויפן יידישן רעליגיעזן חינוך.

יידישע עלטערן, וואָס ווילן געבן זייַערע קינדער אַ יידיש רעליגיעזן חינוך. פאַר זיי, איז דער עול שוין פון לאַנג אַ צו-שווערער און אין דער יעצטיקער צייַט, ווען דער רוב יידן איז פאַראָרימט און מחוסר-פּרנסה, איז די מַשׂא שוין געוואָרן אומדערטרעג-לעך.

דער פרומער ייד וואָס קאָן נישט און וועט קיינמאָל בייַ זיך נישט פּועלן אָפּצוגעבן זייַן ייִנגל אין דער „פּאָווזשעכנע" מוז אָפּגעבן זייַן לעצטן ביסן פון מויל — און ער טוט דאָס אויך — אַבי זייַן קינד זאָל בלייַבן בייַ תורה און יידישקייט.

אין די גרויסע שטעט, וואו עס זענען דאָ חדָרים מיטן פּראָגראַם פון אַן אַלגעמיינע פאָלקס-שול, קען נאָך דער פרומער ייד בייַם ברענגען געלט-קָרבָּנות געפינען אַ תיקון פאַרן יידישן חינוך פאַר זייַן קינד. וואָס זאָלן אָבער טון די צענער-טויזנטער יידן אויף פּראָווינץ? זיי מוזן שוין איינגאַנצן מַצדיק הַדין זייַן אויפן גורל פון זייַערע יידישע קינדער, וואָס זיי האָבן נישט קיין שום מעגלעכקייט צו געבן זיי אַ יידישער דערציאונג.

וואָלטן כאָטש געווען אין די קלייַנע שטעטלעך אָר-גאַניזירטע תלמיד-תורה-קורסן פאַר ייִנגלעך, ווי עס איז „בית יעקב", פאַרשטייט זיך מיט אַ פאַרברייטערטן פּראָגראַם. און אונטער אַ צענטראַלער אָנפירונג, וואָלט עס נאָך געווען אַ שטיקל תרופה, אָבער אויך דאָס איז דאָך ווייניק בנמצא און ווען שוין יאָ, איז עס אָן סֵדר, אָן אַן אידעאַלער נשמה און אָן שום הַשגָחה.

עס איז שוין כ-לעבן די העכסטע צייַט דערצו עפּיס צו טון, אונדזער חינוך-צענטראַלע שווייַגט שוין צופיל!

•

אויף אַן אַנדער אָרט אין הייַנטיקן נומער געפינען מיר אַ קורצן באַריכט פון ראַבקע, אַז די ב"י צענט-ראַלע אין קראָקע, גרייט זיך צו פאַרשידענע אַרבעטן, כדי צו שטאַרקן די ב"י באַוועגונג.

לייַדער איז אויך דער מַצב טאַקי דאָ נישט געהויבן. עס איז אַ סַך, גאָר אַ סַך בְּמֶשך די לעצטע צוויי יאָר פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. דאָס האַרץ ווייַטיקט אַז אַזאַ באַוועגונג, זאָל חלילה וועגעטירן און צוליב וואָס? צוליב עַצלות און שוואַכער פאַרשטענדיניש פון די טוערס אויף פּראָווינץ, וואָס לאָזן אַראָפּ די הענט!

די גראָשנס, וואָס אַ בית-יעקב שול קאָסט, קען מען אין יעדן שטעטל צונויפשטעלן, בייַ אַ טיכטיקער פירונג. עס מוזן אַרייַנגעצויגן ווערן וואָס אַ גרעסערע צאָל תַּלמידות, עס מוז אומאויפהערלעך געפירט ווערן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער ב"י אידעע. עס מוז אויך זיך אַרויסגעשלאָגן ווערן פון קאָפּ, אַז דורכן אָפּרייַסן אַ פּאָר גילדן פון באַשיידענעם שכירות פון די ל׳רערנס, וועט דער שול-בודזשעט שוין בעסער ווערן. עס מוז געאַרבעט ווערן אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג: דער צופלוס פון תלמידות און אויפקלערונג בייַ די עלטערן וועגן זייַער חוב צו צאָלן דעם מינימאַלן שכר-לימוד, דאָס דאַרף געטון ווערן!

איך האַלט אויך דרינגענדיק פאַר נייטיק, אַז די צענט-ראַלע זאָל צונויפרופן וואַרשעוו־ווידזשעווע קאָנפערענצן פון די שול-פאַרוואַלטונגען, כדי זיך אויסצושמועסן. אויך דער ראַבקער באַשלוס פון די צוואַנציק אינס-פּעקטאָרן מוז אייליק ווערן אויסגעפירט. מיר קענען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן דעם גרויסן נוצן, וואָס עס וועט דערפון אַרויסקומען.

א סך, גאָר פיל אַרבעט, [illegible] פאַר צום נייַען שול-יאָר און איך בין נישט [illegible] מיט בשותפות-דיקע כוחות, מיט גוט-אָרגאַני[illegible]נטלעך [illegible] פאַראייניקטער ענערגיע, וועלן מיר פאַרפעט[illegible] דעם קיום פון אונדזערע שולן און פאַרברייטערן די ב"י אידעע אין דער יידישער וועלט.

**א"ג פרידנזאָן.**


פירט אַ דורך מיט דערפאָלג די פּרענומעראַנטן-אַקציע אויף די געזאַמלטע שריפטן פון **שרה שענירער!**

